ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפּרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 52

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## האב איך פארשלאפן מיין מזל אום ראש השנה?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*ס'איז נישט מעגליך זיך גענוג צו באדאנקען פאר דעם הערליכן ראש השנה וואס איך האב געהאט דאס יאר אין אומאן. יישר כח פאר די הערליכע סעודות, פאר די דרשות, און פאר די דאווענען. יעדע ריר האט מיר געגעבן שטיקער געזונט און לעבן פאר א גאנץ יאר.*

*מיין שאלה איז אזוי, איך בין אנגעקומען קיין אומאן ממש מיט די נשמה אין די הענט, דאס הייסט בערך 48 שעה אויפציין פון ווען איך בין אויפגעשטאנען אינדערפרי די טאג וואס איך בין ארויסגעפארן ביז'ן אנקומען קיין אומאן.*

*נאכדעם איז געקומען ראש השנה, איך האב זייער שטארק געוואלט טון אלעס וואס איך קען צו האבן א גוטע יאר, איך בין געגאנגען שלאפן ראש השנה ביינאכט און ראש השנה פארטאגס בין איך אויפגעשטאנען און אויפגעוועקט מיין אינגל ביים עלות, און דערנאך איז די טאג געפארן, די תפילות, די סעודות, איך האב זיך נישט געוואלט לייגן שלאפן ראש השנה אינמיטן טאג. ביינאכט האב איך שוין געפילט אז איך קען נישט מער, איך בין שוין געבליבן אין בעט און קוים זיך געקענט רירן, און אזוי אויך די צווייטע טאג האט איך פארפאסט דאס דאווענען מיט די תקיעות און סעודות, איך בין געליגן קראנק אין בעט.*

*איך וויל וויסן אויב די זאך פון ווער עס פארשלאפט ראש השנה פארשלאפט זיין מזל, איז א זאך וואס מען מוז טון, מען טאר שוין נישט שלאפן ביים עלות, און מען טאר נישט שלאפן אינמיטן טאג, אדער איז דא א אויסנאם? ווייל איך בין אזוי דערשראקן אז דאס יאר האב איך שוין פארשלאפן מיין מזל.*

*דאס יאר איז שוין סיי ווי דערנאך, איך וויל וויסן פאר די קומענדיגע יארן ווי אזוי זיך צו פירן אין אזא פאל.*

*יישר כח פאר אלע שיינע עצות און שיעורים.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת לך לך, ד' מרחשון, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואס זוכסטו זיך צו צעברעכן? דו דארפסט זיין גאר פרייליך אז דו האסט זוכה געווען צו זיין אין אומאן ראש השנה ביים רבי'ן. דער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "מִי שֶׁהָיָה אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לִשְׂמוֹחַ מְאֹד כָּל הַשָּׁנָה", ווער עס איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה דארף זיך פרייען א גאנץ יאר.

וואס דארפסטו יעצט זוכן ווי דו קענסט דאגה'נען? וואס איז דיר נישט גענוג די ווערטער פון רבי'ן וואס ער האט געזאגט (שם, סימן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן", אלע קענען באקומען א תיקון ראש השנה, אפילו די וואס קענען נישט באקומען קיין תיקון דורכאויס דעם יאר, "אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן", דאך קען יעדער איינער באקומען ראש השנה זייער תיקון, "אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים", אפילו דער רבי קען זיי נישט מתקן זיין דורכן יאר, דאך, ראש השנה קען דער רבי יעדן איינעם מתקן זיין, "כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת".

זיי פרייליך, דו וועסט האבן א זיס יאר.

## איך ווער אנגעצויגן ווען עס קומט די ימים טובים

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*קודם כל האב איך געוואלט זאגן א גרויסן יישר כח פאר'ן ראש ישיבה פאר די געוואלדיגע טעגליכע חיזוק און די ניגונים וואס ברענגען א בענקשאפט צו השי"ת, עס איז באמת א חסד השם אז מיר האבן דעם ראש ישיבה.*

*איך האב געוואלט וויסן וואס איך קען טון אז יעדע יאר פאַר די ימים נוראים באקום איך א נערוועזקייט און א דערשראקנקייט וואס ליגט נאך איינגעבאקן אין מיר פון אלס קינד ווען מיינע רבי'ס פלעגן זאגן ווי שרעקעדיג די טעג זענען. איך גלייב אז נישט דאס איז די רצון השם, אבער מיט דעם אלעם בין איך געבליבן מיט די אנגעצויגנקייט און עס שטערט מיר זייער שטארק.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזהשי"ת - יום א' פרשת וזאת הברכה-ב, י"א תשרי, שנת תשע"ח לפ"ק

לכבוד...נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קלה): "כִּי עִקַּר קְדֻשַּׁת הַיּוֹם טוֹב תָּלוּי בַּצַּדִּיקִים", און ר' נתן שרייבט דארט: "עוֹד שָׁמַעְנוּ בְּעִנְיָן זֶה, אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב", אז מען שפירט א הייליגקייט אין יום טוב איז א סימן אז מען איז מקורב צום אמת'ן צדיק. און דאס זעט מען ממש ווען מען ווערט מקורב צום הייליגן רבי'ן, אז מען הייבט אן ליב צו האבן יום טוב, וואס בעפאר דעם איז עס געווען אן אפקומעניש און מען פלעגט ווערן מרה שחורה וכו' אזוי ווי דו שרייבסט.

**מענטשן האבן א טעות, מען מיינט אז יום כיפור איז א שרעקעדיגע טאג, א טאג וואס מען דארף זיין צעבראכן, א טאג וואס מען איז נערוועז. אבער באמת איז יום כיפור די פרייליכסטער טאג פונעם יאר.**

**יום כיפור איז די פרייליכסטער טאג פונעם יאר**

מענטשן האבן א טעות, מען מיינט אז יום כיפור איז א שרעקעדיגע טאג, א טאג וואס מען דארף זיין צעבראכן, א טאג וואס מען איז נערוועז. אבער באמת איז יום כיפור די פרייליכסטער טאג פונעם יאר, אין דעם טאג איז דער אייבערשטער מוחל אלע עבירות און מיר ווערן אינגאנצן אויסגערייניגט, די זעלבע זיך איז געזאגט געווארן אויף אלע טעג פון ראש השנה ביז יום הקדוש, דאס זענען נישט שרעקעדיגע טעג, דאס זענען טעג פון רחמנות וואס דער אייבערשטער האט רחמנות אויף אונז, און ער איז אונז מוחל אלע אונזערע עבירות. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יבמות מט:) אויפן פסוק (ישעיה נה, ו): "דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ, קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב", אָמַר רַב נַחְמָן אָמַר רַבָּה בַּר אֲבוּהָ אֵלּוּ עֲשָׂרָה יָמִים שֶׁבֵּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְיוֹם הַכִּפּוּרִים; ראש השנה דעמאלט שרייבט מען אפ אלעס וואס וועט פאסירן מיטן מענטש, און יום כיפורים פארזיגלט מען דעם פסק.

**אויף אלעס העלפט תשובה, חוץ אויף טשעפענען**

דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די עשרת ימי תשובה מיר זאלן קענען תשובה טון און אויסבעטן א גוט געבענטש יאר; מען דארף אבער געדענקען אז אויף אלעס העלפט תשובה, חוץ אז מען טשעפעט א צווייטן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פה:): "עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לְמָקוֹם יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר, עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ"; אויב א מענטש טוט וויי א צווייטן דארף ער יענעם איבער בעטן, ווער רעדט נאך אז מען איז שולדיג געלט פאר א צווייטן, דארף מען יענעם באצאלן, אדער זיך דורך קומען מיט יענעם, אים בעטן ער זאל ווארטן נאך אביסל ביז ער וועט אים קענען באצאלן.

**א ל"ו צדיק מוז נישט זיין א וואסער שעפער**

בכלל איז א טעות וואס מענטשן מיינען אז ווי מער צעבראכן און אנגעזעצט מען איז, איז מען א גרעסערער צדיק; ר' נחמן טולטשינער פלעגט זאגן: "מענטשן מיינען אז צו זיין א צדיק מוז מען האבן 'עשרה קבין מרה שחורה' און צו זיין פון די ל"ו צדיקים מוז מען זיין א וואסער שעפער וכו', אבער עס איז נישט אזוי - האט ער אויסגעפירט - נאר מען קען זיין א פרייליכער איד און א לוסטיגער איד, און נאכאלץ זיין א גרויסער צדיק און דבוק אינעם אייבערשטן, מען קען זיין א גרויסער עשיר און א בעל הבית אזוי ווי ר' אברהם בערניו (אן אייניקל פון רבי'ן) און זיין איינער פון די ל"ו צדיקים".

**א שיעור אין גמרא יום כיפור נאך שחרית**

איך געדענק ווען איך בין געקומען דאס ערשטע מאל אין 'היכל הקודש' יום כיפור, האב איך געזען נאך שחרית ווי אלע בחורים זעצן זיך אראפ, און זייער מגיד שיעור לערנט זיי פאר א 'דף גמרא', אזוי ווי א געהעריגע טאג, און אלע אינגעלייט לערנען זייערע שיעורים כסדרן; איך בין געבליבן ערשטוינט און פארגאפט פון וואס איך האב געזען. הכלל, וואס איז דער סימן אז מען ווערט מקורב צום אמת'ן צדיק? אז מען הייבט אן ליב צו האבן יום טוב, וואס באמת אלע ימים טובים פרייליכע טעג, און נישט קיין אנגעצויגענע טעג.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

**האט דער אייבערשטער אנגענומען מיין תשובה?**
**ווי אזוי קען איך האבן א בעסערע באציאונג מיט מיינע עלטערן?**
**דארף איך אויסזאגן ביי א שידוך אז איך האב פחדים?**

*קוקטס ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכנטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**